בס"ד

דער בלעטל
# טיב הקהילה
אויף אידיש

יו"ל ע"י קהילת שבתי בבית ד'
בנשיאות מורנו ורבנו הרה"צ
רבי גמליאל הכהן רבינוביץ שליט"א

**כי-תצא**
**י"א אלול תשפ"ד**

די צייטן לויט אופק ירושלים

**זמני הדלקת הנרות ומוצ"ש**

| | |
|---|---|
| הדה"נ | 6:12 |
| מוצש"ק | 7:23 |
| ר"ת | 8:03 |

**סוף זמן קריאת שמע ותפילה**

| | | | |
|---|---|---|---|
| סוזק"ש א' | 8:42 | סוז"ת א' | 10:00 |
| סוזק"ש ב' | 9:26 | סוז"ת ב' | 10:29 |

די צייטן לויט די זומער זייגער

גליון מס': ק
שנה ב'

## טיב הפרשה

# על דבר אשר לא צעקה

### א צדיק איז איינער וואס איז זיך נישט מייאש

אין די וואכענדיגע סדרה לערנען מיר איבער די פרשה פון די נערה המאורסה, אז אויב מען האט איר געטראפן אין שטאט און מען האט געזינדיגט מיט איר, איז די הלכה אז סיי דער מאן און סיי די נערה איז חייב סקילה.

מען שטראפט ביידן, אפילו אויב זי טענה'ט אז מען האט איר געצווינגען.

אויפ'ן ארט געבט די תוה"ק צו פארשטיין די סיבה פארוואס זי באקומט אויך די זעלבע שטראף, ווייל זי וואלט ווען געדארפט שרייען אין גאס פאר הילף און ווייל זי האט נישט געשריגן – טיילט זי די זעלבע שטראף ווי אים.

ווען מען איז זיך מתבונן אין די מצוה זעט מען דא א מורא'דיגע זאך. מען זעט אז מען שטראפט איר נישט פאר'ן חטא, נאר ווייל זי וואלט ווען געקענט שרייען און זי האט נישט געשריגן.

דאס איז א לימוד פאר יעדן פון אונז. אסאך מאל שטייט א מענטש פאר א שווערע נסיון. די יצר הרע אין אים ברענט ווי פייער. דער איד שפירט ווי ער קען זיך נישט מתגבר זיין אויף איר, אפילו אז ער וואלט ווען געוואלט, אבער די טענה צו אים איז נישט אז ער וואלט זיך ווען געדארפט שטארקן, די טענה איז אז ער וואלט געדארפט שרייען צו הקב"ה און זיך בעטן אז ער זאל אים ארויסנעמען פון דער נעץ אין וואו ער איז אריינגעפאלן.

נאך א בחינה איז דא אז אין די צעקה, אין דער וועג ווי אזוי דער איד שרייט נאכ'ן עובר זיין אויף די עבירה.

ווען א מענטש האלט נאכ'ן עובר זיין אויף אן עבירה, אפילו אז די עבירה איז א הארבע עבירה, איז דא צוויי וועגן וואס ער קען טון אין רעאקציע צו די מעשה העבירה. איין וועג איז מיט'ן שפירן אז ער איז באגאנגען א חטא און אז 'ער' איז דורכגעפאלן, אדער קען ער

>>> | המשך אין עמוד ב' |

## טיב המערכת

# כִּי תֵצֵא לַמִּלְחָמָה - בְּשִׂמְחָה

אין די יעצטיגע טעג, די ימי הרחמים והסליחות, ווען מיר זענען עוסק זייער אסאך אין עבודת ה' און אין זיך דערנענטערן צום הייליגן באשעפער דורך די עבודה התמימה, איז פאסיג נאכאמאל צו דערמאנען דאס וואס איז ברייט באקאנט און עס ווערט אסאך געברענגט אין די ספרים הקדושים, אז עבודת ה' איז עפעס וואס דארף געטון מתוך שמחה, ווייל דאס מקיים זיין די מצוות בעצבות איז א פגם, אזוי ווי עס שטייט אין די תורה 'תַּחַת אֲשֶׁר לֹא עָבַדְתָּ אֶת ד' אֱלֹקֶיךָ בְּשִׂמְחָה', אויב אזוי קומט אויס, אז דער וועלכער איז חוזר בתשובה מתוך עצבות, איז דורך זיין עצבות לייגט ער נאך צו חֵטְא עַל פֶּשַׁע, און צודען איז מעגליך אז דורך אט די עצבות זאל ער קענען פארעכטן אלטע פגמים? און דעריבער זאל מען זיך שטארק אנשטרענגען צו עוסק זיין בתשובה מתוך שמחה. און די פראגע וואס פרעגט זיך איז, וויאזוי טוט מען דאס?

א תשובה אויף אט די פראגע, געפינען מיר אין די ווערטער פון די הייליגע חז"ל, וועלכע האבן געזאגט אז עס איז אינו דומה ווער עס טוט תשובה מיראה צו איינער וועלכער טוט תשובה מאהבה, ווייל ווער עס טוט תשובה מיראה ווערן פאר אים איבערגעדרייט די זדונות צו שגגות, און כאטש דאס איז א גרויסער זאך, אבער סוף-כל-סוף דארף אויך א שוגג האבן א כפרה, אבער ווער עס טוט תשובה מאהבה, ווערן די זדונות איבערגעדרייט פאר זכויות! אויב אזוי, וואס מיר דארפן טון איז, זיך צו שטארקן אין אהבת ה', און דאס וועלן מיר טון דורכן געדענקען אז דער אויבערשטער איז מֶלֶךְ רַחוּם וְחַנּוּן, און מיט זיין גרויס רחמנות געבט ער אונז די מעגליכקייט **אויסצומעקן** די עבירות, און נישט נאר דאס, נאר זיי אויך איבערדרייען צו זכויות! וואו קען מען געפינען אזא זאך? און ווי מער דער מענטש וועט זיך מתבונן זיין דערין, אלס מער וועט ער קענען אריינברענגען אין זיין הארץ אהבת השי"ת, און דורך אט דעם ליבשאפט וועט ער קענען תשובה טון בתשובה שלימה מתוך שמחה אמיתית.

איך געדענק אז ווען איך האב אנגעהויבן עוסק זיין אין חינוך מיט אידישע קינדער, האט מיר אבי מורי ורבי זצ"ל געזאגט ווי פאלגנד – לייג אכט, ווי אנגענעם איז די תפילה פון די יונגע קינדער, ווי שטארק האבן מיר ליב זיי אויסצוהערן, פארוואס איז עס אזוי? האב איך געטראכט אז דאס איז צוליב זייער אנגענעמע שטימע אדער דערפאר וואס זיי זענען יונגע קינדער שאין בהם טעם חטא, אבער מיין טאטע האט מיר אויפגעמערקט אן אנדער נקודה, אז דאס איז דערפאר וואס די קליינע קינדער געבן אלעמאל ארויס זייער תפילה מיט אן אנגענעמע געזאנג, און אפילו א קורצע ברכה זאגן זיי מיט אזא סארט ליד, און דאס איז דער עיקר סיבה פארן אנגענעמקייט פון זייער תפילה. און אויב אזוי זיס איז עס פאר אונז, איז פארן אויבערשטן איז עס אוודאי און אוודאי אזוי, אז אויב מיר וועלן טון אונזער עבודה מיט שמחה און זיסקייט, וועט אונזער תפילה און עבודה זיין אנגענעם און באוויליגט פאר אים.

(עפ"י טיב ההתחזקות – שמחה)

**טיב ההודעות**

**מען קען הערן שמועס'ן און דרשות**
**פון מורנו ורבנו שליט"א – אין א עקסטערע נומער**
**אידיש: 073-2951321 לשה"ק: 073-2951320**

יו"ר הוועדה הרוחנית: ר' יעקב רבינוביץ | עורך: ש. גולדשטיין

אויסשרייען צו הקב"ה אז עס איז נישט געווען אים אליין, אז עס איז דער יצר הרע אין אים, אבער ער אליין גלוסט צו זיין גוט און ערליך און ער וויל זיך צוריקקערן צו הקב"ה.

אז א איד פירט זיך אזוי, אז ער שרייט אויס צו הקב"ה נאכ'ן חטא אז עס איז נישט אים, אז ער איז בלויז דורכגעפאלן האט ער נאך האפענונג זיך צוריקצוקערן צו הקב"ה, מיט דעם איז ער מגלה דעת אז אלעס וואס עס איז געווען ביז יעצט איז נישט מרצונו, אז ער איז זיך נישט מייאש און ער וויל צוריקקומען צו הקב"ה און זיך איבערבעטן מיט אים.

עס קען זיין אז דאס איז די כוונה אין דער פסוק אין משלי [כ"ד ט"ז] שבע יפול צדיק וקם. מען זעט דא ווי דער פסוק רעדט פון א נפילה אבער מיט דעם אלעם ווערט דער מענטש אנגערופן בלשון פון 'צדיק', אז דער צדיק פאלט.

ווי אזוי קען זיין אזא זאך אז א מענטש זאל פאלן און נאך אלץ בלייבן א 'צדיק'? נאר דער פסוק וויל לאזן הערן דעם געדאנק אז די צדקות פון א מענטש מעסט זיך נישט אין די נפילה, נאר אין די נאכווייען פון די 'נפילה', ווי אזוי מען באהאנדלט די 'נפילה' און וואספארא החלטה מען מאכט אין ליכט פון דעם.

אז מען קען אפטיילן אז דער איד איז בעצם א גוטער זאך נאר ער איז דורכגעפאלן און מען איז זיך נישט מייאש, נאר מען שרייט צו הקב"ה אז מען וויל בלייבן ערליך, בלייבט מען א 'צדיק', אבער אויב מען זעט זיך יא אלץ דורכפאל און מען דערווייטערט זיך פון הקב"ה פארלירט מען דער טיטל 'צדיק' און שפעטער ווען מען איז זוכה און מען טוט תשובה ווערט מען א בעל תשובה.

א איד דארף צו וויסן אז דאס לעבן פון א מענטש איז איין לאנגער קייט פון מלחמה. דער יצר הרע דרימעלט נישט. אלעמאל איז ער דא און איז אלעמאל גרייט פאר א מלחמה. אז מען געווינט אים וועט ער זיכער מאכן אפצונעמען די געווינס און אפשלאגן די געווינס, ביז ווען ער וועט אויספירן.

ביי אסאך אידן איז עס א דבר פשוט, אבער ביי אסאך אנדערע אידן איז עס נישט זעלבסטפארשטענדליך, זיי זענען זיכער אז זיי טארן נישט דורכפאלן און אז זיי טארן נישט האבן קיין נסיונות, אבער דאס איז א טעות, ווייל דער מענטשליכער לעבן איז איין קייט פון נסיונות, פון עליות, פון ירידות.

נישט נאר איז עס א קייט פון נסיונות, נאר אסאך מאל שטארקט זיך דער יצר הרע דווקא ווען א מענטש האט א הצלחה. דער איד שפירט ביי זיך אז ער איז שוין אויף א שטיקל דרגה, אז ער באזיגט שוין דעם יצר הרע, אבער דא קומט אונטער נאך א נסיון, אבער ווי געשמועסט איז עס צוליב די זעלבע זאך.

דער יצר הרע שפירט אז מען האט אים באזיגט און וויל צונישט מאכן די זיג, און נאכ'ן כאפן א פאטש וויל ער זיך נוקם זיין און געווינען די לעצטע ווארט און וועגן דעם קומט ער צוגיין מיט א פרישקייט. מען טאר נישט ווערן געפאלן ביי זיך, פארקערט דאס איז א סימן מובהק אז דו האסט אים מצליח געווען, אז דו קענסט אים באזיגן, שטארק זיך נאך אמאל און באזיג אים, אזוי ארום וועסטו אים געווינען און דערנידערן מער און מער.

דער יסוד פון א צדיק איז נישט צו פאלן ביי זיך, נישט צו כאפן קיין התפעלות, ווייל מען קען אים באזיגן.

איך האב געטראכט אז עס קען זיין אז דאס איז דער גאנצער ענין פון חודש אלול. אויבנאויף וואלט א איד געקענט זאגן אז די יאר איז שוין א פארפאלענע, עס וועט שוין זיין ווי עס וועט זיין, לאמיר ווארטן אויף נעקסטע יאר, דאן וועט מען אנהייבן מיט א פרישקייט, אבער דאס איז אן עצת היצר, די דעת דקדושה איז פארקערט, אז טאקע יעצט, טאקע די לעצטע וואכן קען מען אנהייבן פון פריש און באנייען די יאר, אן כאפן קיין התפעלות ווי אזוי די יאר איז אריבער.

עס איז אזוי ביי די לעצטע חודש, עס איז אזוי ביי די סוף פון א דאווענען, מען דארף זיין שטארק און זיך נישט מייאש זיין און אזוי ארום וועט מען קענען ארויסקריכן פון די זאך און זיך באנייען אויפסניי, ווייל אזוי איז מען א צדיק און אזוי איז דער סדר העבודה.

זאל הקב"ה געבן אז מען זאל האבן די כוחות ארויסצוגיין פון דער יצר'ס געפענגעניש און זוכה זיין צו קענען אנהייבן א נייער בלאט אויך אין חודש אלול, און אויס'פועל'ן א לעכטיגע יאר און א שנת גאולה וישועה.

## טיב ההשגחה

## מעשיות אויף השגחה פרטית

געשריבן דורך לייענערס

# די שפע פון א אצוה

מיט די יארן האב איך באשלאסן אז איך גיי עפענען א ביזנעס.

דער עפענען א ביזנעס איז פארבינדן מיט א גרויסע געלט אינוועסמענט. נישט האבנדיג פון וואו צו נעמען א הלוואה האב איך מתפלל געווען צו הקב"ה. פונקט אין יענע טעג האט מיר אן אלטער חבר אנגעקלינגען פון אויסלאנד. נאכ'ן שמועסן מיט אים זאגט ער מיר אז ער האט ביי זיך ליגן א גרויסע סומע געלט און ער וויל אינוועסטירן די געלט ערגעץ. איך האב געזען אין דעם א רמז מן השמים און אים דערציילט איבער מיינע געשעפטן וואס איך פלאניר צו עפענען און אז כ'זוך אן אינוועסטירער.

ער האט זיך געפרייט צו דעם געדאנק און נאכ'ן אויסארבעטן די דעטאלן האט ער זיך אויסגענומען מיט מיר אז איך דארף אויסארבעטן מיט א רב אז עס זאל נישט זיין קיין שאלה פון קיין ריבית.

איך האב מסכים געווען, מיר האבן אפגעמאכט צווישן זיך אז כ'וועל אים אריינשיקן אלע נוטיגע פאפירן און מיר וועלן זיך ארויסלאזן אויפ'ן וועג. דער סארטירן די פאפירן האט געדויערט אפאר טעג, ווען עס איז געווען גרייט האב איך זיך געגרייט אריינצוגיין אין די זאך.

פונקט אין יענע שעה איז מיר אונטערגעקומען א קאמפליצירטע שלום בית קעיס. איך בין נישט קיין שלום בית מאכער אבער אין דעם פאל בין איך געווען דער איינציגסטער וואס האט עס געקענט שליכטן. פאר לאנגע שעה'ן בין איך געווען פארנומען מיט דעם און דאן האב איך זיך צוריקגעקערט צו די נושא.

איך האב אנגעקלינגען מיין חבר און זיך אנטשולדיגט פאר אים, איך בין געווען זיכער אז ער וויל צוריקציען פון דעם געשעפט, אבער דאן האט ער מיר איבערראשט.

"איך האב זיך בארעכנט, איך וויל נישט ווערן קיין שותף, ליבערשט וועל איך בעסער דיר געבן אויף בארג".

פאר מיר איז דאס געווען א גרויסער פארדינסט, עס האט געמיינט אז דער פארדינסט איז מיינער, איך האב עס תולה געווען אין דער הילף וואס איך האב געגעבן פאר די פארפאלק, ביי מיר איז געווען קלאר אז אין זכות פון געבן פאר אנדערע – באקומט מען צוריק.

[דערציילט דורך דער בעל המעשה: א.א.]

די פאראינטערעסירטע צו מיט טיילן מזכה זיין את הרבים
מיט מעשיות פון השגחה פרטית זאל שיקן צו ר' שמחה
סמואלס אין פקס: 15326517922

# טיב המעשיות

# אֱלוּל – אַ לָשׁוֹן פוּן שְׁפִּיאָנִירְן

דער תרגום אונקלוס אויפן פסוק (במדבר יג, ב): "**שְׁלַח לְךָ אֲנָשִׁים וְיָתֻרוּ אֶת אֶרֶץ כְּנַעַן**", טייטשט ווי פאלגנד: "**וְיאַלְלוּן יַת אַרְעָא**", און אזוי ווערט עס אויך געטייטשט אין יוֹנָתָן בֶּן עוּזִּיאֵל אויפן פלאץ.

שרייבט דער לקט יושר (תלמיד התרומת הדשן, ח"א או"ח דף קכ ענין ד) לויט דעם, אז דער פשט פונעם ווארט "אלול" איז א לשון פון שפיאנירן! דאס איז וויבאלד אין דעם חודש זאל א אידיש קינד שפיאנירן און נאכקוקן זיינע מעשים פון א גאנץ יאר, און אנטפלעקן וואו און וואס דארף האבן א תיקון און תשובה.

און לויט דעם ווערט ערקלערט אינעם הייליגן ספר שער המלך (על ימים הנוראים, חודש אלול פרק א) איבער דער מהות פון חודש 'אלול', אז די דאזיגע טעג זענען מסוגל פאר שפיאנירן! און זענען פאסיג אויף נאכצוזוכן זיינע מעשים, און טרעפן וואס זענען די זאכן וועלכע דארפן האבן א בעסערונג און וואס מען דארף פאררעכטן.

און פאלגנד איז זיין הייליג לשון: "עֵינֵי ה' אֱלֹקֶיךָ בָּהּ (דברים יא, יב), כָּתַב הַזֹּהַר (ח"ג צט. זוהר הנאמר לפני התקיעות): 'אִילֵין אִינוּן עֵינֵי ה', דְּקָא אזלין וּמְשׁוֹטְטִין בְּכָל עָלְמָא, וּמְאַלְלָן וְחָמָאן בְּעוֹבְדִין דִּבְנֵי נָשָׁא, וַוי לְאִינוּן דְּלָא מַשְׁגְּחִין וְלָא מִסְתַּכְּלִין בְּעוֹבָדֵיהוֹן, דְּהָא לְגַבַּיְיהוּ קַיְימֵי סַהֲדֵי מַלְכָּא סַלְקוּ וְסַהֲדוּ קַמֵּי מַלְכָּא'. [דאס זענען די עֵינֵי ה', וועלכע גייען און שוועבן ארום אין די גאנצע וועלט, און זיי שפיאנירן און קוקן אויף די מעשים פון די מענטשן, ווי איז צו די די וועלכע קוקן זיך נישט אום און באטראכטן נישט זייערע מעשים, וויבאלד די עדים פונעם קעניג שטייען איבער זיי, און זיי גייען ארויף און זענען מעיד פארן קעניג]. – וּבִפְרָט בָּזֶה הַחֹדֶשׁ, אָזְלִין אִינוּן 'מְאַלְלִין', הֵמָּה הַמְרַגְּלִים לִרְאוֹת אֶת הָאָרֶץ הֲיֵשׁ בָּהּ 'עֵץ' אִם אַיִן. לָכֵן נִקְרָא הַחֹדֶשׁ הַזֶּה 'אֱלוּ"ל', עַל שֵׁם אִינוּן מְאַלְלֵי אַרְעָא. לָכֵן נֶאֱמַר (במדבר יג, כה) 'וַיָּשֻׁבוּ מִתּוּר הָאָרֶץ מִקֵּץ אַרְבָּעִים יוֹם', הֵמָּה הָאַרְבָּעִים יוֹם שֶׁמֵּרֹאשׁ חוֹדֶשׁ אֱלוּל עַד אַחַר יוֹם הַכִּפּוּרִים", עכל"ק.

->•<-

אין די צייטן פונעם בייזווילינן רוסישן רעזשים, איזגעשטאנען א מֶלֶךְ קָשֶׁה וְרָשָׁע כְּהָמָן, מיטן נאמען 'סטאלין' ימ"ש, וועלכער האט דורכאויס די צייט פון זיין רעזשים גע'הרג'עט ארום דרייסיג מיליאן מענטשן!

איינס פון די בייזווילינע געזעצן וואס דאס קאמאניזם האט ארויסגעגעבן אין זיין צייט, איז געווען דער 'גלייכע רעכטן געזעץ', ווי יעדער בירגער האט געדארפט געבן האלב פון זיין פארמעגן לטובת די 'מאמע רוסלאנד'... אויב ער פארמאגט צוויי הייזער – דארף ער געבן איינס פון זיי פארן קאסע פונעם מוטערלאנד, און דאס זעלבע איז אויך ביי איינער וועלכער פארמאגט צוויי פעלדער, צוויי אקסן, צוויי אייזלען, און אזוי ווייטער. און אין רוסלאנד, אזוי ווי עס פאסט פאר איר, אויב איז איינער געכאפט געווארן מיטן ווייטסטן פארדאכט אז ער האט נישט אראפגעגעבן האלב פון זיין פארמעגן, דאן ווי איז צו אים!

א גרופע שטרענגע סאלדאטן זענען געגאנגען פון שטאט צו שטעטל און פון דארף צו דערפל, כדי צו זיכערמאכן אז דאס געזעץ ווערט אויסגעפירט ביזן קלענסטן איינצלהייט, כדי קיין איינער זאל זיך נישט קענען ארויסדרייען פונעם נייעם געזעץ!

און אט זענען זיי אנגעקומען צום הויז פון א קלוגער איד. ווי זייער שטייגער, האבן זיי זיך ווילד און בארבאריש אריינגעבראכן אינעווייניג, און זיך גענומען דורכפירן זוכערייען ארום און ארום. וואס קען מען דא קאנפיסקירן! אבער דא זעען זיי אז דאס הויז איז ליידיג, און קיין ווערדפולע ארטיקלען זענען דא נישט בנמצא... די חברה זענען דאך געקומען זוכן דעם צווייטן העלפט, אבער אויך די ערשטע העלפט האבן זיי נישט געטראפן...

די סאלדאטן זענען געווען ענטוישט דערפאר וואס זיי האבן גארנישט געטראפן, אבער ארויסגיין מיט ליידיגע הענט האבן זיי אויך נישט געוואלט... און זעענדיג אין הויז צוויי יונגע און שיינע קינדער, האבן זיי גענומען פאדערן אז איינער פון זיי דארף קומען מיט זיי, טענה'נדיג אז וויבאלד אין דעם הויז געפינען זיך נאר צוויי קינדער, געהער האלב פונעם פארמעגן פארן צאר... און איין קינד קומט מיט אונז!

דער איד האט זיך קעגנגעשטעלט, און פעסט גע'טענה'ט אז דער געזעץ איז איבערהויפט נישט גילטיג אויף קינדער, נאר בלויז אויף פארמעגנס. פון מיינע צוויי בהמות, וועל איך אוודאי געבן איינס פארן קעניג! – האט דער מענטש קלארגעמאכט – אויך פון די צוויי פעלדער וועל איך גערן אפשיידן איינס פארן צאר, אזוי ווי עס פאסט פאר א רוסישער בירגער, פארן כבוד פון די מלוכה! – אבער פון די קינדער וועל איך נישט געבן בשום אופן!

פארוואס? – האבן די סאלדאטן געפרעגט.

זייער פשוט! האט דער איד געענטפערט. דאס אלעס זענען זאכן וואס איך האב נישט... נישט קיין בהמות און נישט קיין פעלדער... און דער צאר קען גערן נעמען האלב פון די אלע זאכן פון מיר... אבער די קינדער, וואס זיי זענען די גאנצע פארמעגן וואס איך פארמאג און וואס געהער צו מיר, פון זיי קען איך נישט געבן!

ווען עס קומט אן חודש אלול, די ימי הרחמים והרצון, טראכט דער מענטש צו זיך: ווען איך וועל עפעס פארמאגן, וועל איך זיך אוודאי פרייען צו געבן, און אפשיידן פארן אויבערשטנ'ס וועגן! אויב איך וועל האבן צייט וועל איך זיך זעצן לערנען, אויב איך וועל האבן געלט וועל איך געבן צדקה, אויב איך וועל האבן געדולד וועל איך הארעווען אויף די מידה פון כעס, אויב איך וועל האבן חשק וועל איך זיין בשמחה, און און אזוי ווייטער...

אבער פון דאס וואס דו האסט יעצט, ביסטו נישט גרייט צו געבן גארנישט! [טו תשובה אויף דאס וואס געהער צו דיר, אין דאס וואס דו דארפסט תשובה טון!...]

->•<-

עס ווערט דערציילט אויף הרה"ק רבי מיכל זלאטשובער זי"ע, אז ווען ער איז געווען א יונגער יונגערמאן, איז ער געזעצן א גאנצן טאג אין בית המדרש על התורה ועל העבודה, ווען ביי אים אינדערהיים איז נישט געווען קיין ברויט צו עסן פאר די קינדערלעך, דאס ארימקייט און דחקות האט זייער געדרוקט פאר זיין הויזגעזינד. אבער פונדעסטוועגן איז זיין הארץ שטענדיג געווען דבוק אינעם אויבערשטן, און ער האט נישט געלאזט אז דאס ארימקייט זאל אים חלילה שטערן פון די עבודת הקודש.

ויהי היום איז געקומען א חשוב'ער גביר צום צדיק, כדי זיך מזכיר צו זיין פאר אים וועגן א ישועה וואס ער האט געדארפט. ווען ער איז אריינגעקומען אין הויז און ער האט געזען דעם געוואלדיגן דלות וואס האט געהערשט אין יעדן ווינקל, און ער האט באמערקט דעם גרויסן צער פונעם רבנית הצדקנית, ווען די יונגע קינדער בעטן ברויט און וואסער און עס איז נישטא וואס זיי צו דערלאנגען! – האט ער זיך געוואנדן צו איר מיט א פארלאנג, אז זי זאל נישט שטערן איר גרויסן און הייליגן מאן פון זיין הייליגע עבודה, וויבאלד יעדער רגע וואס ער ווערט נישט געשטערט פון זיין תורה און עבודה טראגט דאס א שטארקע השפעה אויף די גאנצע וועלט, דעריבער נעמט ער אויף זיך פון יעצט און ווייטער צו טראגן אויף זיינע פלייצעס דאס גאנצער עול פון די הוצאות פונעם הויז, מֵהָחֵל וְעַד כָּלֵה!

הערנדיג די ווערטער, האט זיך די רעבעצן זייער געפריידט אז אט איז אנגעקומען דאס דערברייטערונג און די ישועה. און ווירקליך האט דער איד געהאלטןווארט, און פון דעמאלטס און ווייטער האט גארנישט געפעלט אין הויז, און אלע זייערע עסן און געברויכן זענען געווען צוגעשטעלט זייער בריווח.

נאך א קורצע שטיק צייט, האט דער הייליגער צדיק באמערקט אז דאס הויז איז פול מיט גרויס שפע, און זיינע קינדער און בני בית ווײנען שוין נישט פאר אים ווי זייער שטייגער איבער דאס הונגער און דרוקעניש... ווען ער האט געפרעגט דעם חשוב'ן רעבעצן פון וואו דאס ברייטקייט איז געקומען, האט זי אים דערציילט אז דער גרויסער גביר וועלכער האט דא לעצטנס באזוכט, האט באשלאסן צו נעמען אויף זיך אלע הוצאות פונעם הויז!

ווען דער רבי האט דאס געהערט, האט ער געשיקט רופן דעם חשוב'ן איד, און האט זיך באקלאגט פאר אים איבער די גרויסע 'עוולה' וואס ער האט געטון צו אים, מיטן אוועקנעמען פון אים דעם עול פון די פרנסה...

זעענדיג זיין גרויס וואונדער, אנשטאט וואס ער האט געהאפט אז דער רבי וועט אים דאנקען און בענטשן פאר זיין הילף, האט אים דער רבי ערקלערט ווי פאלגנד: מיר האבן געלערנט אין די גמרא (חולין פד:): "דָּרַשׁ רַב עֲוִירָא, זִימְנִין אָמַר לָהּ מִשְּׁמֵיהּ דְּרַבִּי אַמִי, וְזִימְנִין אָמַר לָהּ מִשְּׁמֵיהּ דְּרַבִּי אַסִי, מַאי דִּכְתִיב (תהלים קיב, ה) 'טוֹב אִישׁ חוֹנֵן וּמַלְוֶה יְכַלְכֵּל דְּבָרָיו בְּמִשְׁפָּט'. לְעוֹלָם יֹאכַל אָדָם וְיִשְׁתֶּה פָּחוֹת מִמַּה שֶּׁיֵּשׁ לוֹ, וְיִלְבַּשׁ וְיִתְכַּסֶּה בְּמַה שֶּׁיֵּשׁ לוֹ, וִיכַבֵּד אִשְׁתּוֹ וּבָנָיו יוֹתֵר מִמַּה שֶּׁיֵּשׁ לוֹ, שֶׁהֵן תְּלוּיִין בּוֹ, וְהוּא תָּלוּי בְּמִי שֶׁאָמַר וְהָיָה הָעוֹלָם". ביז אהער פון די גמרא.

אויב אזוי קומט אויס, אז ביז יעצט, ווען מיין פרנסה איז נישט געווען מסודר, איז דאס געווען פאר מיר א קלארער סימן אז איך זאל שטארק רופן צום אויבערשטן, וויבאלד מיין הויזגעזינד זענען דאך אפהענגיג אין מיר, און איך בין אפהענגיג בלויז אינעם גרויסן באשעפער שֶׁאָמַר וְהָיָה הָעוֹלָם. אזוי אויך האב איך געהאט דערפון א הִתְעוֹרְרוּת תְּשׁוּבָה, אזוי ווי די הייליגע גמרא זאגט אין מסכת קידושין (פב:): "הֲרֵעוֹתִי אֶת מַעֲשַׂי וְקִפַּחְתִּי אֶת פַּרְנָסָתִי". – אבער יעצט וואס די ברכה געפינט זיך אין מיין הויז מיט שפע, און מיינע הויזגעזינד וועלכע זענען אפהענגיג אין מיר באקלאגן זיך שוין נישט, וואס וועט מיר דען מעורר זיין צו שרייען צום קעניג, און תשובה טון פאר אים?!

מען פארשטייט אליין, אז אט די מעשה פון אזעלכע צדיקים און קדושים איז נישט פאר אונזער מדריגה... אבער וואס מיר קענען יא ארויסנעמען א מוסר השכל דערפון לְפִי דַּרְכֵּנוּ איז, וויפיל מיר דארפן פארשטיין דָּבָר מִתּוֹךְ דָּבָר אין אלעס וואס עס פאסירט מיט אונז, און טראכטן וואס מען וויל אונז מרמז זיין פון הימל לויטן הנהגה פון מִדָּה כְּנֶגֶד מִדָּה ביי יעדער זאך, כידוע. און וויאזוי מיר זאלן אויפנעמען יעדן הנהגה בְּשִׂמְחָה וּבְטוּב לֵבָב, וויסנדיג אז

| המשך אין עמוד ד' |>




אלעס איז נאר פאר אונזער טובה.

איך האב געהערט דערציילן אויפן גרויסן גאון און צדיק, מָרָא דְּאַרְעָא דְּיִשְׂרָאֵל רבי יוסף חיים זאנענפעלד זצוק"ל, גאב"ד דפעיה"ק ת"ו, אז ווען דער מצב הפרנסה ביי אים אינדערהיים איז געווען זייער שווער, האט זיך אמאל די רעבעצן באקלאגט פאר אים, אז פריער פלעגט דער געשעפטסמאן איר כאטש צושטעלן א קליין שטיקל ברויט אויף בארג, אבער לעצטנס וויל ער איר דאס אויך נישט צושטעלן...

הערנדיג אירע ווערטער, האט זיך רבי יוסף חיים לאנג פארטראכט, און נאך א שטיק צייט האט ער זיך אויפגעכאפט פון זיינע געדאנקען, און געזאגט: אויב אזוי, דארפן מיר באשטימען א שיעור אינאיינעם אינעם הייליגן ספר "מסילת ישרים"!

און ווירקליך, פון יענעם טאג און ווייטער האט דער רב געהאט א קביעות'דיגער שיעור מוסר מיטן רעבעצן, און צום גרויסן וואונדער האבן זיך אויפגעהערט אירע אלע קלאגענישן, און אלע טענות זענען פארשוואונדן!

מיט א צייט שפעטער, האט איינער פון זיינע מקורבים אים געפרעגט – פארוואס פונקט האט ער באשטימט מיטן רעבעצן א מוסר שיעור, אינדערצייט וואס זי האט זיך באקלאגט אויפן מצב הפרנסה אין הויז?

האט אים דער רב ערקלערט מיט זיין חכמה: איך האב געזען אז אין די פרנסה זעלבסט קען איך נישט העלפן... האב איך געטראכט אז כאטש וועל איך איר קענען העלפן אויפצונעמען דעם מצב וואס מען האט גוזר געווען אויף אונז פון הימל, מיט ליבשאפט! דורכן מוסר שיעור וועל איך איר קענען צושטעלן די וועגן וויאזוי זיך צו פארמעסטן מיט שווערע מצבים, און אזוי וועט זי זיך אויסלערנען מער נישט זיך צו באקלאגן!

מען קען טאקע נישט פאדערן פון אונז אזעלכע הויכע דרגות! – אבער מיר דארפן פראבירן לכל הפחות זיך מתבונן צו זיין אינעם השקפת החיים פון די צדיקים אין די פריערדיגע דורות, און פראבירן צו שפאנען אין די הייליגע וועגן פון זייער לעבן.

->•<-

עס ווערט דערציילט איבער א אידישער רייזנדער, וועלכע איז ביי זיינע רייזעס אנגעקומען צו א ווייטע שטעטל, און דורכגייענדיג ביים 'בית החיים' וואס איז געווען אין פארנט פונעם ישוב, האט ער באמערקט א מאדנער זאך, אז אויף יעדן מציבה אין יענעם בית החיים איז געשטאנען פון אונטן, דער 'עלטער' פונעם נפטר וועלכער איז דארט געווען באהאלטן!

ווארשיינליך, האט דער איד געטראכט צו זיך, איז דאס דער 'מנהג המקום' פון דעם ארט, אז אויסער דער נאמען פונעם נפטר און דער צייט ווען ער איז נפטר געווארן, האבן זיי זיך געפירט אויך צו שרייבן ווי אלט ער איז געווען ווען ער איז נפטר געווארן און מען האט אים געברענגט לקבורה.

ווען ער האט אבער באטראכט די עלטער פון די נפטרים וואס איז געווען פארשריבן אויף די מצבות, האט ער צו זיין גרויס ערשטוינונג באמערקט, אז מערסטנס פון די מתים וואס זענען דארט באערדיגט, האבן אפילו נישט דערגרייכט צו זייערע צוואנציגער יארן, און א גאנץ גרויסער טייל פון זיי זענען אפילו נישט אנגעקומען צו די עלטער פון 'צען יאר'!

דער איד האט זיך זייער געוואונדערט, וואס איז דער באדייט פון די מגיפה, וואס האט צוגעברענגט אז אזויפיל יונגע מענטשן פון די שטאט זענען אזוי פרי אוועק פון דער וועלט?

נאכקוקנדיג די דאטומס ווען די אידן זענען נפטר געווארן, האט ער געזען אז דאס איז נישט געווען אן 'איינמאליגע מגיפה', נאר די יונגע מענטשן זענען נפטר געווארן אין א צייט פון פילע יארן! עס מוז זיין, האט דער מענטש באשטימט ביי זיך, אז עס הערשט דא א געפערליכע קללה פון א מגיפה, אין אט דער שרעקליכער ארט!

אבער דער גרעסטער וואונדער אין זיינע אויגן איז געווען, פארוואס בלייבן די איינוואוינער פונעם שטאט וואוינען אין אזא פארשאלטענעם ארט, וואס איז באשטימט חלילה פאר שלעכטס? ווען זיי זעען ווי נאכאנאנד שטארבן מענטשן אזוי יונג איינער נאכן אנדערן, און אויב אזוי פארוואס פארלאזן זיי נישט דעם פארשאלטענעם פלאץ, זיך צו ראטעווען פון אונטערגאנג?

ווען ער איז אריינגעגאנגען אין שטאט, האט ער אויפגעזוכט די גבאים פון די 'חברה קדישא', און געבעטן פון זיי אן ערקלערונג, פארוואס זענען זיי פאר'עקשנ'ט דווקא צו בלייבן אין אזא ווייטע און פארשאלטענע שטאט?

ביז מען האט אים געגעבן צו פארשטיין דאס פאלגנדע:

מיר האלטן אן אין אן אלטע מנהג פון אונזערע עלטערן און פון זייערע עלטערן אזוי שוין עטליכע דורות, אז אינעם טאג וואס יעדער קינד ווערט 'בר מצוה', באקומט ער פונעם מ'וועד הקהילה' א גרויסן און שיינעם העפט, וואו ער דארף פארשרייבן זיינע מעשים טובים און די מצוות וואס ער טוט, כדי עס זאל בלייבן אפגעהיטן און געדענקט לזכות ולטובת די גאנצע קהילה!

איינס פון די שורות פונעם העפט, באציט זיך צו 'זמן', צייט, וואו יעדער איינער דארף פארצייכענען וויפיל צייט ער האט מקדיש געווען פארן אויבערשטן יעדן טאג. נאכן צוזאמנעמען דעם חשבון פונעם מעת-לעת, וויפיל שעות פון זיי עס איז געווארן מוקדש לְצָרְכֵי שָׁמַיִם, טוט יעדער איינוואוינער שרייבן דער צאל שעות אויפן העפט.

און ווען א איד גייט אוועק פון דער וועלט, נעמען זיי זיין העפט, און מאכן א חשבון פון זיין גאנצן לעבן, וויפיל צייט דערפון האט ער מקדיש געווען פארן אויבערשטן, און דער וועד הקהילה רעכנט נאר אט די הייליגע שעות ווי די יארן פונעם מענטש, וויבאלד די אנדערע שעות וואס ער האט אריבערגעפירט מיט עסן און טרינקען און האנדלען און אנדערע דברים בטלים, ווערן בכלל נישט גערעכנט פאר לעבן!

קומט אויס, אז די עלטער וואס די האסט געזען פארצייכנט ביי די מצבות, איז נישט דער עלטער ווי אלט די נפטרים זענען געווען ביי זייער פטירה, עס איז נישטא, בחסדי השם, קיין שום מגיפה אדער קרענק דא אין שטאט חלילה, אלע לעבן ב"ה זייער פיין, נאר דאס איז דער 'עלטער' בלויז פון חַיֵּי תּוֹרָה וּקְדֻשָּׁה! דער צאל יארן וואס זענען אפגעשיידט געווארן פונעם גאנצן לעבן, לַעֲבוֹדָתוֹ יִתְבָּרֵךְ!

לאמיר איבער'חזר'ן נאכאמאל און נאכאמאל! – נאר די לעבן פון זיך באהעפטן און זיין בדביקות אינעם אויבערשטן, יתברך שמו, דאס ווערט אנגערופן "חיים", אזוי ווי עס שטייט אין פסוק (דברים ד, ד): "וְאַתֶּם הַדְּבֵקִים בַּה' אֱלֹקֵיכֶם חַיִּים כֻּלְּכֶם הַיּוֹם". – א לעבן וואס איז פול מיט טראכטן איבער רצון שמים, חַיִּים שֶׁיֵּשׁ בָּהֶם אַהֲבַת תּוֹרָה וְיִרְאַת שָׁמַיִם, וואס ערפילט געהעריג דער עיקר אויפגאבע פונעם לעבן: "לַעֲשׂוֹת נַחַת רוּחַ לַבּוֹרֵא יִתְבָּרֵךְ שְׁמוֹ"! אָמֵן.

מוקד הזמנות ספרים
של הגה"צ רבי גמליאל הכהן רבינוביץ שליט"א
קו ההזמנות של מכון טיב 0733-22-76-09
טלפון אחד והספר אצלך
ללא עלות דמי משלוח

יו"ל ע"י קהילת שבתי בבית ד' | רח' ישעיהו 7 ירושלים טל: 078-3331109 05276-10455 | shivti11@gmail.com

יהודי יקר! אל תחזיק טובה לעצמך, הנך מוזמן להדפיס ולהפיץ את העלון באזור מגוריך ולהיות שותף לזיכוי הרבים. המעוניינים יקבלו את העלון במייל (אפשר גם ישירות לדפוס) בקובץ להדפסה.

Anyone Interested in receiving Tiv Hakehila weekly in Hebrew or English should Email - Sheldon@hpins.net Or | zeligk@gmail.com or text 718-249-7173